בס"ד

# קול נטרונא

פרשת כי תשא תשע"ו

# נטרונא באקעמפט מזימות רשע צו מעביר זיין על הדת אידישע געמיינדעס אין פראנקרייך דורך מאסן עליות

ביי א גרעסערע קאנפערענץ אין ירושלים וואס איז געווארן אדרעסירט דורך מערערע איזראעלי פירענדע פאליטיקאנטן, אריינגערעכנט דער נשיא המדינה און דער ראש הממשלה, האט צווישן אנדערע אויפגעטרעטן מאלקאלם האנליין, דער עקזעקיטיוו וויצע פרעזידענט פון די "קאנפערענץ אוו פרעזידענטס אוו מעיזשאר אמעריקען דזשואיש ארגעניזיישנס", א פראמינענטער אמעריקאנער-אידישער פירער וואס איז אפיציעל אן אייגענארטיגער טראכטער אבער דינט פארשטענדליך געטריי די ציוני'סטישע צילן און אינטערעסן.

האנליין האט אין זיין רעדע געמאכט העדליינס, ווען ער האט אדרעסירט דעם גירוש פלאן וואס די מדינה וויל ארויפצווינגען אויף דאס פראנצויזישע אידנטום, זאגנדיג צווישן אנדערע אז די אידן פון פראנקרייך זאלן אנגרייטן א דעטאלירטן פלאן וויאזוי צו פארלאזן דאס לאנד, ווייל עס הערשט א פחד צווישן אידן אין פראנקרייך. ער האט גלייכצייטיג באשטימט אז די מדינה דארף פארזיכערן אז "מענטשן וואס וויל פארלאזן פראנקרייך, זאלן קענען פארלאזן, זאכן דא אין איזראעל זאלן זיין צוגעגרייט, צו ערמעגליכן די אימיגראציע שנעל און געשיקט."

דער זעלבער האנליין איז מיט עטליכע חדשים צוריק ציטירט געווארן אין די פרעסע מיט ענליכע ווערטער: "זעהט וואס פאסירט מיט די אידן פון אייראפע, עס איז נישט ריכטיג אז די וועלט האט זיך געטוישט אין די לעצטע זיבעציג יאר, זינט די צווייטע מלחמה. וואס עס האט זיך יא געטוישט איז אז מיר האבן א מדינה" עפ"ל.

האנליין זאגט עפענטליך וואס דער ענדגילטיגער ציוני'סטישער ציל איז, צו ממשיך זיין און אויספירן די ארגינעלע ציוני'סטישע חלום פון הערצל ימ"ש, צו אנזייען פחד אין אידישע קהלות אומעטום און ערקלערן פאר אידן אז זייער איינציגע האפענונג און ישועה איז די מלכות המינות, וואו מען מוז אויסוואנדערן אין די מאסן.

מיט א ניכטערן בליק שפילט זיך אין די יעצטיגע טעג איינפאך איבער די בלוטיגע געשיכטעס היסטאריע פון די ערשטע יארן נאך די גרינדונג פון די מדינה, ווען די ציונים האבן ארויפגעברענגט טויזנטער אידן פון אראבישע לענדער און אויסגעליידיגט גאנצע מדינות דורך אנווארפן א פאניק צווישן ארטיגע אידישע בירגער, וואס זענען ארויפגעברענגט געווארן מאסנווייז קיין ארץ ישראל און אויסגעמישט געווארן צווישן די פרייע באפעלקערונג בכונה תחלה צו אויסרייסן זייער אמונה בה' ובתורתו הק'. באקאנט איז דער גרויזאמער מיטל פון אריינארן די תימנ'ער אידן אז דער פסוק "ואשא אתכם על כנפי נשרים" באדייט די עראפלאנען וואס האבן זיי ארויפגעברענגט קיין איזראעל. צום באדויער האט אט דער ערעפלאן יעצט געלאנדעט אין פראנקרייך.

### דער ציוני'סטישער ציל; אויסליידיגן די פראנצויזישע אידישע געמיינדע:

עס איז שוין מערערע מאל ערוועהנט געווארן, וויאזוי עס איז פאר די ראשי ממשלת הכופרים ווי א דארן אין אויג יעדע אידישע קהלה בארצות פזוריהם, וואס באדייט אז אידן סיי וואו איבער די וועלט באלאנגען נישט אויטאמאטיש אונטער זייערע לאפעס. ולבן בקש לעקור את הכל, זיי ווילן טראנספארמירן דעם מושג פון עם ישראל, אז אידן און אידישקייט איז נישט קיין אמונה רח"ל נאר נאציאנאליזים וואס באדייט לאנד, שפראך, און קולטור. דערפאר איז וויכטיג אז אלע אידן זאל וואוינען אדער כאטשיג האבן שייכות מיט איזראעל, ווייל נאר אזוי ווערט נתקיים זייער טמא'נעם חזון. דאס איז די צענטראלע סיבה פארוואס די מדינה האט לעצטנס אנגעהויבן ארבעטן אויף קעסל און כלים צו עוקר זיין מן השורש דעם ריזיגן אידישן ישוב אין פראנקרייך. ליידער מיט א היבשע ערפאלג דערוויל.

די אידן פון פראנקרייך זענען שוין ארויף אויף די שווארצע ליסט פון די ציוני'סטישע פירער מיט אריבער צען יאר צוריק. אום יולי 18, '04 למספרם האט דער געוועזענער ראש הכופרים אריאל שרון ארויסגעגעבן א רוף צו

אלע אידן אין פראנקרייך צו קומען קיין ארץ ישראל. צום מזל האבן זיינע באמיאונגען נישט געברענגט קיינע פירות און אידן זענען געבליבן וואוינען אין פראנקרייך. דאס האט דעריבער נאכגעפאלגט מיט א לאנגן קאמפיין צו פאבריצירן אנטיסעמיטישע אינצידענטן אין פראנקרייך ווען עס איז ווירקליך נישט געווען, אדער איבערטרייבן אקטועלע אינצידענטן, כדי צו באשאפן אן אטמאספערע פון שרעק און פאניק.

דער קלימאקס האט דערגרייכט אין די לעצטע תקופה ווען אין פראנקרייך זענען פארגעקומען עטליכע אטאקעס קעגן די פראנצויזישע באפעלקערונג דורך מוסלעמענער טעראריסטן. וואס איז אויסגענוצט געווארן צום מאקסימום דורך דעם ראש הממשלה ביבי נתני' און אנדערע אידישע ציוני'סטישע פירער וועלכע האבן עפענטליך גערופן פאר מאסן עליות און א גירוש צרפת קיין איזראעל, דערקלערענדיג אז "איזראעל איז דער היים פאר די פראנצויזישע אידנטום".

ס'איז תסמר שערות אנוש ווען מען קלערט אריין אז אין די צייט וואס אידן אין פראנקרייך זענען דאנקבאר מיט וויפיל זיכערהייט און שמירה די רעגירונג באהאנדלט זיי, און אין א צייט וואס די העכסטראנגיקע פראנצויזישע רעגירונג באאמטע פארלייגן אלע קרעפטן צו בארואיגן און באשיצן זייערע אידישע בירגער, איז עס גאר די "אידישע" מדינה וואס פרובירט צו אריינווארפן א מורך בלב כדאי אפצושטעלן און שטערן דאס אידישע לעבן וואס ציעט זיך שוין אזויפיל יארן על מי מנוחות אין א לאנד וואס איז דירעקט גוט און גאסטפריינטליך צו אידן במשך דורות, און פרובירט מיט אלע אירע מעגליכקייטן צו באשיצן אירע אידישע איינוואוינער זייענדיג א היים פאר ארום א האלב מיליאן אידן. די גרעסטע אידישע געמיינדע אין אייראפע.

ליידער האבן די ציונים ווירקליך באוויזן צו אנזייען א שרעק און א פחד צווישן די פראנצויזישע אידנטום. עס זענען טאקע פארהאן טויזנטער תמימות'דיגע אידן איינוואוינער פון פראנקרייך וועלכע זענען אצינד עולה צו די מדינה, וואו עס ווארט זיי אפ א רוחניות'דיגע כליון חלילה, דורך די טרויעריג – בארימטע "סוכנות", וואס טוט זיי איינארדענען אין פרייע געגנטער און פלאצירט זייערע קינדער אין די סעקולארע שולעס, מיט א דירעקטן ציל זיי צו דערווייטערן פון א תורה'דיגן חינוך אדער חרדי'שע געמיינדעס.

אפגעזען פון די לעכערליכקייט פון דעם קאנצעפט אז איזראעל איז א פארזיכערטע ארט פאר אידן פון אייראפע, בשעת עס קומען ליידער פאר טעגליכע שטעכערייען און טעראר אטאקעס אויף א רעגלסמעסיגן באזיס. זענען אבער די ווערטער א טיפע פארראט אין די הונדערטער טויזנטער אידן וועלכע וואוינען אין פראנקרייך און פארמאגן דארט הויכע פאזיציעס, גוט באזירטע שטעלעס און וואקסענדע אידישע קהלות און מוסדות עד להפליא. יעצט ווערן זיי פאראדערנט דורך די ציונים צו באגיין א גזירת גירוש, זיך צאמקלייבן זייער האב און גוטס און עולה זיין קיין איזראעל, וואו די פראנצויזישע עולים גייען דורך שבעה מדורי גיהנום ביז זיי דערקלייבן זיך צו א שטיקל מעמד און א לייטישע פרנסה בגשמיות. און ווער רעדט נאך ברוחניות וואו עס ווארט זיי אפ א גיהנום פון די פרייע געגנטער און סעקולארע חינוך אנשטאלטן וואו זייערע קינדער ווערן פלאצירט.

אין פיבערהאפטיגע שמועסן וואס איז אפגעהאלטן געווארן צווישן נטרונא מיט רבנים און אקטיווע עסקנים פון אייראפא איבער דעם יעצטיגן קריזיס וואס נעמט ארום דאס פראנצויזישן אידנטום. שרייען זיי אלע געוואלד אז די אידן וואס זענען עולה קיין ארץ ישראל פאלען עשרת דרגות אחורנית, ווייל זייענדיג אין פראנקרייך זענען אפילו די שוואכע אידן ממשיך די אלטע אידישקייט המוחזקת להם מאבותם, זיי האלטן אן די טראדיציע דור אחר דור, זיי גייען ווייטער אין די סארט שוהלען און עסן כשר'ס, און טייל שיקן די קינדער אין ערליכע מוסדות החינוך.

אבער ווען זיי קומען אן צו א נייע לאנד ווי ארץ ישראל וואס איז אנגעפולט מיט א גייסט פון פריקת עול, נניח אז זיי האבן אפילו די אפציע פון גוטע מוסדות, איז דאס ביי זיי א נייער אויסוואל און בחירה, א פריש בלעטעל אין לעבן און זייער החלטות איז געווענליך זייער שוואך, בנוסף צו די טומאה עמוקה וואס די מדינה בעצם גיט צו, יגער ה' בך השטן הבוחר בירושלים - און די גזירת גיוס אין וואס זיי ווערן אריינגעשלעפט גאנץ שנעל. עס זענען שוין פאקטיש פארהאן טויזנטער אידישע פאמיליעס וועלכע וואלטן אין פראנקרייך אויפגעוואקסן מיט אן ערליך אידישע ערציאונג אבער אנקומענדיג קיין איזראעל ווערן זיי אריין געשמאלצן אין די איזראעלי געזעלשאפט וואו זיי וויסן נישט פון קיין שמע ישראל און ווערן אפגעריסן פונעם שורש רח"ל.

די אלע שרעקליכע מכשולות שטאמען פון דעם גרויסן שרשיות'דיגן פראבלעם פון פארוויקליכען דעם רעיון הציוני וואס איז לוחם אקעגן דעם פלאן פון השי"ת און דעם גזירת הגלות, דורך עוסק זיין אין קיבוץ נדחי ישראל וואס באלאנגט אויסשליסלך צו דעם מלך המשיח שיבוא במהרה, ווי דער רמב"ם זאגט אין הלכות מלכים המלך המשיח עתיד לקבץ נדחי ישראל. ווער עס העלפט פאר די עלי' אויסוואנדרונג העלפט צו פאר ס"מ אליין, ויבוא גם השטן בתוכם רח"ל מהאי דעתא.

שוין עטליכע יאר וואס די עסקנים פון מוסד הק' נטרונא צייגן אן אז עס מוז געטון ווערן דראסטישע שריט צו ראטעווען טויזנטער אידישע נפשות פון די עלי' לצורך ירידה. ס'איז באמת א ביטערע מציאות און א שרעקליכער ווייטאג ווען מען באטראכט די ציפערן פון די מאסן עליות פון פראנקרייך. אין יאר 13' למספרם האבן

3500 פראנצויזישע אידן עולה געווען קיין איזראעל, א יאר דערויף אין '14 למספרם איז דער ציפער געשטיגן צו 7,000, און אין '15 למספרם איז געווען 8,000 פרישע עולים. די ציוני'סטישע פראפעגאנדע מאשין טוט דאס זייניגע און די נומערן פון עולים שטייגט יאר יערליך מיט דראסטישע ציפערן, לדאבון לב.

## פראנצויזישע "המודיע" אין דינסט פון גזירת הגירוש:

ווי אומגלויבליך און שאקירנד עס הערט זיך, האט דער פינסטערער ציוניסטיש'ער מהלך קונה שביתה געווען צום באדויערן אויך ביי די רעליגיעזע מלחכי פינחא. די פרומע פארטייען און רעליגיעזע פרעסע האט זיך צוגעשטעלט צו דעם רשעות'דיגן מהלך פון "כי נמכרנו אני ועמי", דורך טאנצן מה יפית פאר'ן ציוני'סטישן פריץ און פארטושן די מוחות פון פראנצויזישע אידן פאר עלי'.

עס גייט אזוי ווייט אז די אגודה'סטישע "המודיע" וואכנשריפט וועלכע ערשיינט אויף די פראנצויזישע שפראך, און איז באזירט געווארן אין פראנקרייך אנגעבליך מיט'ן ציל צו שטארקן דעם גייסט פון תורה און אידישקייט אין לאנד, דינט אפיציעל די ציוני'סטישע גירוש פלענער, און טוט רעגלמעסיג פארשפרייטן און רעקלאמירן אלערליי פראפעגאנדע אינפארמאציע פון די "סוכנות" און אנדערע מעלדונגען וועלכע רופן פראנצויזישע אידן צו עמיגרירן קיין איזראעל.

די רעליגיעזע "המודיע" צייטשריפט ערלויבט זיך צו זיין א מרכבה פאר די כוחות הטומאה און זיין א גורם פאר'ן חורבן יהדות צרפת דורך דעקן בקביעות די אקטיוויטעטן פון דער "סוכנות" און אריינשטעלן שענדליכע רעקלאמעס פון די ציוני'סטישע אגענטורן, וואס גיט ליידער דעם רעליגיעזן סטעמפל אויף די סיסטעמאטישע גירוש פלענער. עס איז קיין צווייפל אז אדאנק די איינפלוס פון דעם פראנצויזישן "המודיע" האבן פילצאליגע תמימי לב געמאכט דעם באשלוס צו איבערלאזן פראנקרייך און ארויפפארן קיין איזראעל וואו עס ווארט זיי אפ א רוחניות'דיגע שמד חלילה.

עס שטעלט זיך ארויס אז אויב איז ציונות שוין היינט אינטערגעגאנגען איז עס אבער ווייט פון באנקראט ביי די רעליגיעזע פירערשאפט וואס איז טיף פארבינדן און היימיש באפריינדעט מיט דעם ראש הכופרים, ווייזט אויס אז די פרומע האבן פון אים אויך אפגעקויפט די ציוניסטישע מענטאליטעט פון האסן דעם גלות איד, און טוען דעריבער אלעס צו קלארשטעלן אז בלויז דער ישוב אין איזראעל איז פארזיכערט און רואיג, מיט רעטארישע ארטיקלען און רעקלאמעס איבער די סכנה פון אייראפע און די גליק פון עלי' לארץ.

## נטרונא אקטיוו אין די מערכה פון הצלת יהדות פראנקרייך:

ווי שוין אנגעוויזן מערערע מאל איז עס ווירקליך א ברענענדיגער חובת השעה אויף דאס יהדות החרדית צו ברעכן די ציוני'סטישע מזימות רשע און ארויסגיין מיט א פארצווייגטן קאמפיין פאר פראנצויזישע אידן זאלן זיך נישט לאזן פארפירן און נישט אריינפאלן בפח יוקשים פון עלי' לארץ.

פאראיאר ווינטער, ווען אין פראנקרייך האט פאסירט אייניגע טעראר געשעענישן און דער ראש הממשלה ביבי נתני' האט פארארבעט מעשים צו ערוועקן א מאסן באוועגונג פון עלי', האט נטרונא פארעפענטליכט א ווייטגרייכנדן סטעיטמענט וואס איז פארשפרייט געווארן צו אידן אין אייראפע מיט א רוף פון "זייט געווארנט פון דעם ציוניסטישן נעץ!".

דער ארטיקל ווענדט זיך



HAMODIA
EDITION INTERNATIONALE EN FRANÇAIS
N° 392 - 3 Chevat 5776 - Mercredi 13 Janvier 2016 - Paracha Bo
Limoud
Communauté
Anniversaire
Pages 16-17
Page 18
Pages 30-32
13.01.2016 | HAMODIA
Vous êtes un Jeune Professionnel, vous réfléchissez à l'Alyah
Shabbat Special
« Alyah des Jeunes Professionnels »
En partenariat avec Qvalim
Vous avez des questions, Nous aurons les réponses
Du 19 au 21 Février
Hôtel ORBELYS, 23 rue de la division Leclerc
78350 Les Loges en Josas
PAF : 75€
L'AGENCE JUIVE POUR ISRAËL
agencejuive.org
facebook.com/agencejuive
MAZAL



HAMODIA
EDITION INTERNATIONALE EN FRANÇAIS
Yom Haatsmaout 2009
Vivre ensemble sur cette terre
La population israélienne compte 7 411 000 âmes

מיט אייניגע פראגעס: "ווילט איר אז אייער לאקאלער געמיינדע זאל פארוואנדלט ווערן אין היסטאריע ? ווילט איר זיך אנשליסן אין די לאנגע ליסטע פון אידישע קהלות וואס די ציונים האבן מצליח געווען צו אויסליידיגן – געמיינדעס וואו אידן פלעגן לעבן און בליען זייט ביי זייט מיט זייערע גוי'אישע שכינים ? ווילט איר פאלן א קרבן צו די געפארפולע ציוניסטישע פלאן צו צאמקלויבן אלע אידן צו איין ארט ? ווילט איר אלע אייער אינעם זעלבן קאָרב ? א קאָרב פול מיט לעכער, א קאָרב וואס איז געגרינדעט געווארן אקעגן די גזירת ה'?". און עס ענדיגט זיך מיט דעם דייטליכן מעסעדזש: "לאמיר געדענקן, מיר זענען פראנצויזישע אידן, בעלגישע אידן, דייטשע אידן, אמעריקאנער אידן. די סטעיט אוו איזראעל איז נישט אונזער לאנד."

בשעתו האט דער סטעיטמענט געהאט גינסטיגע אפקלאנגען צווישן דאס פראנצויזישע אידנטום, אבער פארשטענדליך אז ווען עס ברענט אזא פייער מוז געעפענט ווערן א ברייטן פראנט, צו אפשלאגן די ציוני'סטישע רעטאריק און ערקלערן פאר די ארטיגע אידישע קהלות זאלן חלילה נישט באגיין דעם בכי' לדורות פון אימיגרירן פון פראנקרייך צו די מלכות המינות.

מוסד הק' נטרונא האט באוויזן צו שאפן קאנטאקטן מיט ערליכע עסקנים און רבנים ברחבי פראנקרייך וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן אין דעם הייליגן שליחות און זענען שוין עוסק בלי ליאות אין דעם געביט צו אפהאלטן וואס מער אידן פון עולה זיין קיין איזראעל. גלייכצייטיג איז מען מטכס עצה ארום די פאסיגע דרכי פעולה, צו אויפהייבן א זעקה גדולה ומרה וואס זאל אפהילכן ביים פראנצויזישן אידנטום, זיי צו ראטעווען פון א גייסטיגע פארניכטונג חלילה.

טראץ דעם וואס מען שטויסט זיך דערווייל אן אין גרויסע שוועריקייטן צוליב דעם וואס די ארטיגע אידישע פרעסע זענען אלע שטארק פראו- איזראעל געשטימט, און אפילו די אויבן דערמאנטע א.ג. רעליגיעזע "המודיע" וואכנשריפט איז נישט גרייט צו רעקלאמירן אזעלכע סארט תורה'דיגע מודעות קעגן עלי' לארץ. גייט אבער פאראויס גרויסצוגיגע פלענער וויאזוי צו מפרסם זיין דעם דעת תורה הברורה אויף אנדערע סארט אופנים מיט א גרויסע השפעה בעז"ה.

דאס זעלבע איז אצינד קריטיש וויכטיג צו מפרסם זיין דעם דעת תורה פון תורה טרייע אידן קעגן ציונות איבער די אלגעמיינע מידיא נעצן אין פראנקרייך. וואס איז קריטיש וויכטיג צו בארואיגן אנטיסעמיטישע סענטימענטן וואס די ציונים דרייען אן לענגאויס אייראפע. די מעכטיגע פרסומים וואס וועט ווערן געלופטערט ווערן אין די פראנצויזישע פרעסע דארף דינען ווי א קעגנוויכט און א מעט מן האור שדוחה הרבה מן החושך קעגן ציוניסטישע פראפעגאנדע מאשין, כדי צו קלארשטעלן פאר די אייראפעאישע גוים און אראבער אז די אידן פארמאגן נישט קיין קשר מיט די סטעיט אוו איזראעל אדער מיט'ן ציונות, און אז זייערע שריט און מלחמות ווערט נישט געטון אין נאמען פון אידישן פאלק.

די עבודת הקודש פון מאיר זיין עיני ישראל איבער די סכנה וואס ווארט זיי אפ אין ארץ ישראל און דאס זעלבע אויפקלערן מיליאנען פראנצויזישע גוים איבער דעם הבדל פון אידישקייט און ציונות, וועט לויט אלע פאראויסשאצונגען אפקאסטן א הון תועפות, אבער עס איז אלעס ווערט אפילו מציל צו זיין איין נפש אחת מישראל. מען קוקט ארויס אויף די ווארימע נדבת הלב פון אידן יראי ה' וועלכע פארשטייען דאס קריטישע נחיצות פון די וויכטיגע פעולות איז אזא זמן ווען די ציונים ווילן מעביר זיין על הדת טויזנטער פראנצויזישע אידן. ס'איז אן עת צרה הוא ליעקב, און בלויז מיט געלט וועט מען בעז"ה אויפטון גדולות ונצורות צו ראטעווען מאסן אידן פון רוחניות'דיגע כליון. שאו ידיכם קודש.

## דער אמת איבער דעם קאמף פון די רעליגיעזע פארטייען קעגן די רעפארם באוועגונג

א קאנטערווערסיע איז אין די לעצטע וואכן אנטשטאנען ווען נאך לאנגע יארן פון געפעכטן האט דער כנסת המינים צום ערשטן מאל אין די געשיכטע באשטימט אן אפיציעלן ערלויבעניש פאר די געמיינע רעפארמער גרופעס, אז זאלן קענען פראקטיצירן זייערע פראסטע אקטיוועטעטן ביים כותל המערבי. די רעגירונג האט זאגאר באשטעטיגט א באזונדערע פלאטפארמע וואו די רעפארמער וועלן קענען פארזעצן אומגעשטערט זייערע וואנזיניגע צערעמאניעס ביים שריד בית מקדשינו, בכל עת מצוא.

דער אפמאך איז דורכגעגאנגען מיט די שטילע צושטימונג פון די חרדי'שע פארטייען, וועלכע האבן זיך נישט געזוכט צו איינרייסן מיט זייער אלט – נייעם ידיד, דער ראש הממשלה און זיין קאאליציע, און האבן דעריבער זיך אפגעהאלטן פון שטומען דערקעגן און אזוי אומאפיציעל געגעבן א האנט פון חיזוק פאר די רעפארמער אין זייער קאמף צו קובע זיין א בעלות ביים כותל המערבי.

אבער פטור בלא כלום איז דאך אי אפשר, די חרדי'שע פארטייען מוזן דאך צייגן וואס פארא 'מצילים' און 'לוחמים' זיי זענען, האט מען אנגעהויבן זען ארטיקלען און סטעיטמענטס פון פארשידענע הוגי דעות און ווארטזאגער וועלכע האבן פארדאמט די מדינה פאר'ן אנערקענען די רעפארם באוועגונג, און זיי שענקן אן ארט ביים כותל.

איבערהויפט האבן די חרדים געהויבן דעם טומל, נאכדעם וואס די וואך האט דער ראש הממשלה נתני', אנטפאנגען ביי זיך אין ביורא א דעלעגאציע פון די רעפארמער פירער פון צפון אמעריקע און איזראעל, וועלכע זענען געקומען אים באדאנקן אויף דעם אפמאך וואס גיט זיי אן

אפגעטיילטע שטח ביים כותל המערבי און אויף זיין שטענדיגע שטיצע פאר זייערע אקטיוועטעטן, איבערהויפט אין די טעמע פונעם חוק הגיור, וואו די רעפארמער זוכן צו ערייכן הישגים.

די מצילים און די לוחמים האבן דערמיט אנגעטראפן א גוט ביינדל וואס קען צייגן זייער מלחמה און הצלה. עס איז אנטשטאנען א געליארם אין די חרדי'שע פרעסע קעגן די רעפארמער און קעגן די ממשלה וואס גיט זיי א האנט.

דער חרדי'שער חבר כנסת המינים מאיר פרוש האט פארדאמט נתני' זאגנדיג "די התחברות פון נתני' צו די רעפארמער צינדט אן א רויטע לאמפ, מיר זענען זייער באזארגט ווייל דאס איז די מערסט שעדליכע התחברות פאר דעם צוקונפט פון דאס אידישע פאלק. דאס יהדות הנאמנה פאדערט אן אפשטעל צו דעם חיבור".

ווידעראום דער ליטווישער חבר הכנסת אורי מקלב פון די דגל התורה פארטיי האט ענדליך געפינען די עולה פון די רעפארמער, ביי א שטורמישע רעדע אין כנסת המינים האט מקלב געשריגן "די רעפארמעאר זענען פארבינדן מיט די לינקע ארגאניזאציעס און מיט די באוועגונג פון "די. בי. עס." וואס רופט צו ביאקטירן פראדוקטן פון די מדינה. איך ווענדט זיך צו די רעכטע חברי הכנסת און וואונדער זיך וויאזוי שטיצט איר די רעפארמער וואס דורכאויס אלע זייערע יארן זענען זיי מזייף און מזלזל יעדע דבר שבקדושה. די רעפארמער זענען עוקר די תורת ישראל, עם ישראל און ארץ ישראל. זיי האבן אויסגעריסן פון סידור דעם 'ותחזינה עינינו', דעם 'תקע בשופר גדול און דעם 'ולירושלים עירך', פלוצים האבן זיי א געפיל צום כותל המערבי".

ענדגילטיג איז די וואך מיטוואך ערשינען אן אפיציעלע כרוז מטעם די מועצת גדולי התורה פון די אגודת ישראל, וועלכע שרייבט צווישן אנדערע אויף די רעפארמער "שמעשיהם והנהגתם – הינם זיוף מוחלט של יסודות הדת והיהדות", "אינם יכולים לייצג את המורשת היהודית המסורה לנו מדור לדור. וכל הירא והחרד לדבר ד', לא יתן חלילה ידו עמהם לשום צעד או מהלך." און ענליכע שארפע פראזן וואס דארפן צו צייגן א שטארקע מלחמה קעגן די רעפארמער.

עס איז אפילו א טראגי-קאמישער ערשיינונג וויאזוי די חרדי'שע פארטייען וועלכע דינען געטריי אלס א חלק כחלק אין די גרעסטע שמד אפאראט אין דער אידישער געשיכטע, און זענען פאקטיש אן עצם מעצמיו פון א מלכות המינות וואס איז באזירט און פונקציאנירט אויף העברת פי ה' און מרידה בה' ובתורתו הק', טראגן דאגות און פירט קאמפן מיט אזא עבר זמנו'דיגע באוועגונג ווי די "רעפארמער" וואס איז שוין לאנג "עבר עליו הקלח", און דינט שוין נישט ווי א ממשיות'דיגע סכנה פאַר'ן גרעסטן טייל פון כלל ישראל. אבער די מדינה הטמאה וועלכע איז די ריכטיגע ממשיך וואס זעצט פאר דאס וואס די רעפארמער האבן נישט געענדיגט, צו אויס'שמד'ן אידישע קינדער בקום ועשה, דערמיט האט מען אַ קנאַפּע פראבלעם, אדרבה מען געניסט פון איר און מען שיצט איר בכל עת מצוא.

## אותו יצר הרע העבירו מלבבכם:

אין ספר קול יעקב פון הגה"צ יעקב טייטלבוים ז"ל ווערט געברענגט אן אימרא נאה וואס דער מחבר האט געהערט פון זיין רבי'ן הגאון האדיר רבי מאיר אריק ז"ל, ווען ער האט אמאל גערעדט בגנות פון די טומאת הציונות האט הגאון רבי מאיר אריק געזאגט: מגידים און רבנים גלייכן צו רעדן פון אלטע עבודה זרה'ס, עס איז גרינג צו רעדן קעגן די צדוקים, קעגן כת ש"ץ און די שפעטערדיגע איזמען פון השכלה און רעפארם, דאס זענען אלטע עבודה זרה'ס וואס שטערן שוין קיינעם נישט, אבער פון די נייע עבודה זרה'ס, א שטייגער פון דאס ציוניזם, דערפון וויל מען נישט רעדן... דאס איז דאך נוגע אויף למעשה דערפאר איז מען זיך מתעלם דערפון און מען רעדט ליבערשט פון אלטע עבודה זרה'ס וועלכע זענען שוין עבר ובטל מן העולם.

אזוי זעהן מיר אין מדרש ילקוט אז משה רבינו האט געזאגט פאר אידן מפי הגבורה, ויאמר משה זה הדבר אשר צוה ה' תעשו אמר להם משה לישראל אותו יצר הרע העבירו מלבבכם, עס איז נישט קיין קונץ צו לוחם זיין אויף אלטע יצר הרע'ס און אלטע עבירות, די עבודה וואס פארלאנגט זיך איז דער "אותו יצר הרע העבירו מלבבכם", די גרעסטע קאנצענטראציע דארף זיין אויף דעם יצרא דמינות וואס איז שולט אין יענעם דור.

אין דעם אויבנדערמאנטן ספר קול יעקב, פון הגה"צ רבי יעקב טייטלבוים ז"ל, א תלמיד פון הגאון האדיר רבי מאיר אריק זצוק"ל, טייטשט ער מיט דעם יסוד אויס די גמרא אין מסכת פסחים דף טז. אז ווען חגי הנביא איז געקומען צו די כהנים פון בית שני האט ער זיי געפרעגט צו זיי זענען בקי אין די דיני טומאה וטהרה, די גמרא ברענגט דארט די שאלות וואס ער האט זיי געפרעגט וואס שטייט אין חגי קאפיטאל ב' פסוק י"ב. די כהנים האבן למעשה נישט געקענט די הלכות פון טומאת שרץ און נאר געהאט א ידיעה אין די הלכות פון טומאת מת. דער פסוק פירט אויס ויען חגי ויאמר כן העם הזה וכן הגוי הזה לפני נאום ה'.

שרייבט רבי יעקב טייטלבוים אין קול יעקב: "צו פארשטיין די סוטאציע, הערט אויס די דרשות וואס מען דרש'נט היינט אין בתי כנסיות און מדי מדרשות. מען איז מסביר די סכנה פון די צדוקים, די קראים, כת שבתי צבי, די נוצרים, און די רעפארמער, אבער נישט די סכנה פון די עבודה זרה וואס עקזיסטירט אין אונזער צייט וואס ווערט גערופן "די נאציאנאלע באוועגונג פון אידן". ווייסט איר פארוואס זיי רעדן קעגן אלע באוועגונגען און אלטע עבודה זרה'ס מיט א שארפע קלארע שפראך, אבער איבער די שרעקליכע סכנה פון די היינטיגע עבודה זרה מאכן זיי זיך ווי זענען געשלאגן מיט א

העלמה אז די לאומיות איז עוקר די אמונה וידיעת ה'? די סיבה דערצו איז וויבאלד זיי זענען בקי אין טומאת מת, דהיינו אין די אלע אלטע באוועגונגען וועלכע זענען שוין באגראבן און באהאלטן געווארן פון די וועלט אינאיינעם מיט די מענטשן וואס האבן זיך געביקט צו זיי. דערוועגן איז זייער געשמאק צו רעדן און שילדערן די גרויסע סכנה וואס עס איז געליגן דערין, ווייל זיי ווייסן אז עס וועט נישט זיין קיין קריטיג אויף אזעלכע דרשות בצבור. אבער ווען מען ברויך רעדן פון די עבודה זרה וואס עקזיסטירט בימינו וואס שפרייט זיך אויס און פרו וישרצו מלשון שרץ, מאכט מען זיך כאילו מען ווייס נישט, מען זעט נישט און מען הערט נישט, ווייל צו רעדן קלאר מיט שארפע קריטיק אויף די עבודה זרה וואס איז חי וקיים, קען זיין מסוכן פאר דעם כבוד הדורש און מעגליך אויך פאר זיין פרנסה.

"חגי הנביא, ווען ער האט געזען אז די כהנים אין בית המקדש זענען בקיאים נאר אין הלכות טומאת מת אבער ווייסן נישט גארנישט איבער הלכות טומאת שרץ, האט דעריבער געזאגט "כן העם הזה וכן הגוי הזה לפני נאום ה'", גופא בתר רישא גריד, אויב דער מנהיג איז נישט מזהיר אויף אקטועלע טומאות וויאזוי זאל דאס פאלק וויסן ?"

## א מלחמה פאר אן ארטאדאקסישן צביון המדינה:

דער יעצטיגער קאמף פון די רעליגיעזע פארטייען קעגן די רעפארם דינט גלייכצייטיג ווי אן אלגעמיינע הכשרה אויפ'ן ציונות און א הסכמה מלאה אויף די מדינה בעצם. ס'איז נישט קיין קאמף קעגן רעפארם נאר ענדערש א קאמף פאר די מדינה, א קאמפיין צו אנצוהאלטען און אהערשטעלן דעם צביון המדינה לויט די חרדי'שע אינטערעסן און אנקליידן די "כאראקטער" פון "דאס אידישע לאנד" לויט וויאזוי די רעליגיעזע פירערשאפט חלום'ט זיך אויס.

די 'טענות' וואס מען הערט אויף דעם ראש הממשלה פון א ציוני'סטישע לאנד וואס האט פאקטיש רעפארמירט אידישקייט צו נאציאנאליזם און אויסגע'שמד'ט רבבות נשמות ישראל, אז ער טאר נישט אנערקענען רעפארם, איז א מיטל צו אנטון א קאפל פאר די מדינה און איר אנטון א רעליגיעזע צורה. די פרומע פארטייען זענען מסכים אז די מדינה זאל אנטון א בלויע און ווייסע קאפל אדער אפילו א מזרחי'סטישע כיפה סרוגה, אבער עס זאל כאטש זיין א קאפל. זיי זענען מקפיד אז דער בשר חזיר זאל זיין גע'שאכטן מיט א כשר'ע שחיטה און אן ארטאדאקסישע השגחה מעולה. נישט חלילה מיט א רעפארם שחיטה.

די "לוחמים" און "מצלים" האלטן אז עס איז א געפערליכע קלאפ פאר קדושי עליון ושרפי מעלה וואס האבן לוחם געווען מלחמת ה' און מייסד געווען במסירת נפש די ארטאדאקסישע - אויב הערצל'ס מדינה מיט די המשכה פונעם ראש הכופרים ביבי וועט אנערקענען די רעפארם גרופעס.- כאילו דער חתם סופר ותלמידיו הק', דער הייליגער דברי חיים מיט'ן רבי ר' אייזיק'ל זידיטשובער זכותם יגן עלינו וועלן האבן גרויס צער בגנזי מרומים אויב די טומאה כלליות פון ציונית וועט אנערקענען די טומאה פון רעפורעם, הגאון בעל מחנה חיים, רבי חיים סופר זצ"ל, וואס איז געשטאנען און גע'דרש'נט מיט געוויין אין די גאסען פון פעסט וועט שטארק מכיר טובה זיין פאר די חברי הכנסת פאר זייער ארלעדיגען אז די גרעסטע כפירה און טומאה, דאס רעיון הציוני - וואס פארקערפערט אין זיך אלע טומאות זייטן נחש הקדמוני, זאל גאָר קונה שם זיין אלץ אן 'ארטאדאקסישע' אידישע מדינה וואס איז לוחם קעגן רעפארם.

והאמת ניתן להאמר, אז די מלחמה אקעגן רעפארם דעמאנסטרירט דאס מערסטע דעם קרומען געדאנק-גאנג אז די מדינה של גיהנום פארטרעט טאקע כלל ישראל און אז זייערע באשלוסען איז קובע ווער עס איז די ריכטיגע מעתיקי השמועה, דאס איז די גרעסטע אישור און הסכמה צו די מלכות המינות. ווי עס שרייבן טרעפליך דער בית דין צדק פון די עדה החרדית אין דעם כרוז איבער דעם ענין פון די רעפארמער ביים כותל "כי המקום אינו שלהם למסור", דער דעת תורה איז אז די ציונים האבן נישט קיין שום תוקף און עס איז נישט צופיל משנה צו זיי געבן יא אדער נישט רשות פאר די רעפארמער. די גאנצע מערכה פון די פרומע פארטייען טוט בלויז באשטעטיגן אז די החלטה פונעם כנסת האט סיי וועלכע משמעות אדער תוקף. און אז דער צביון המדינה איז זייער א וויכטיגע נושא על שלחן הרבנים.

עס איז טראגי-קאמיש אז די זעלבע מלכות המינות האלט אויף, שיצט און שטיצט אלע עבודה זרות אין ארץ ישראל, אבער עס אין שא – שטיל ואין פוצה ומצפצף. דאס אז דער מקום כותל איז שוין פאר לאנגע יארן א מערות פרוצים מיט צערעמאניעס און איינשווערונגען פון סאלדאטען מיט סאלדאטקעס, קען נאך מיט גיין, דאס פריצות פון די נשות הכותל וואלט מען ווען אויך געקענט אראפשלינגען, אבער אז דאס זאלן ברענגען דערצו, אז עס וועט אויסקומען א היכי תמצא, אז די טמא'נע מדינה זאלן געבן לעגיטימאציע פאר די רעפארם גרופעס דאס איז נישט צו אויסהאלטען.

ס'איז אין פלאץ צו דערמאנען א מעשה'לע וואס עס ווערט פארציילט בשם הגאון חכומא דיהודאי רבי מיכאל בער ווייסמאנדל ז"ל וואס האט דאס געזאגט ביי אזא געליכער פאל.

עס איז געווען א אידישע קהלה אין א שטאט וואס האט געדינגען א חזן פאר די ימים נוראים, דער חזן איז געווען אן אויסנאם מיט זיין שיינע שטימע און הילכיגן קול, אזש עס האט ארויסגעברענגט מענטשען פון די כלים צו הערן זיין פילפארביגע חזנות שטיקלעך און דריידעלעך. עס איז נאר געווען מאדנע אז אויך אום יום הקדוש, ווען מען פאסט, איז זיין שטימע געבליבן

דאס זעלבע שטארק, די פייפיגע שטימע האט טרומפייטערט אויף ביי די ענדע פונעם פאסט טאג ווי איינער וואס האט זיך געגארגלט מיט הייס וואסער בעיצומו של יום און געגעסן צולאזטע אייער. ווען מען האט אויפגעפאסט אז צווישן תפילה און תפילה זעצט זיך דער חזן אריין אין א פריוואטן צימער וואו ער פארברענגט א שטיקל צייט, האבן די בני הקהילה מחליט געווען אז מען וועט אריין קוקן צווישן די שפאלטענעס פון דעם צימער'ל און באטראכטן וואס דער חזן טוט דארט.

אומר ועושה צווישן שחרית און מוסף האט מען אריינגעבליקט און טאקע געזען דאס שרעקליכע, דער חזן איז א פשוט'ער פושע ישראל וואס עסט יום הקדוש רח"ל. אבער די קהילה לייט האבן מחליט געווען אז מען זאגט אים גארנישט ווייל מען ברויך מלמד זכות זיין אויף אים, ער איז דאך א חזן פאר פרנסה, מען דארף אים פארשטיין. די מה יעשה'ניקעס האט זיך שיין צוגעהערט צו דעם פייפענדיגען ונתנה תוקף, ומפטירין כדאתמול.

אבער צווישן מוסף און נעילה האבן זיי נאכאמאל א בליק געטון צווישן די שפארען פון די שפאלטענעס והנה, לא פחות ולא יותר, דער חזן עסט ניסלעך. בלית ברירה זענען זיי ארויס מיט א געפערליכען כעס מען האט אנגעכאפט דעם חזן און ארויסגעטראסקעט פון ביהמ"ד בשם ועין, מען האט אים משלח געווען מיט חרפות זאגנדיג, דאס אז דו גארגלסט זיך מיט אייער און טרינקסט וואסער נו דארפסט דאך האבן פרנסה אבער עסן אגוזים אין די ימים נוראים וואס איז דאך בגימטריא חטא. עד כאן..

האט אויסגעפירט רבי מיכאל בער ז"ל: אזא פנים האבן די וואס זענען נישט מקפיד אויף עיקרי תורה נאר אויף מנהגים און קפידות...

לענינינו, ווען מען איז א חלק פון א ממשלה וואס איר עקזיסטענץ איז מורד אין השי"ת, און מען איז מחובר און דבוק מיט פושעים און אפיקורסים, דאן עקזעסטירט נישט קיין "טיילונג" , ווען מ'האט דורך געבראכען אפילו די אגודה'סטישע שיטות פון זיין נאר אין די אפעזיציע און בקום ועשה אריין אין די קאאליציע, איז נישט דא קיין "טיילונג", און ווען דער שטאפל פון השחתה איז געגאנגען נאך ווייטער צו ווערן אן עמטליכע "שר" אין די מדינה, איז דאן אויך נישט קיין רעדע פון א "טיילונג", אבער ווען עס האנדעלט זיך אז די טומאה כלליות פון די מדינה זאל אנערקענען די טומאת הרעפארם - דאן שרייט מען "טיילונג". אגוזים איז דאך בגי' חטא, נו ווי קען מען דאס צולאזן.

## ווען מען איז זיך מטפל מיט זייטיגע טפלים און מען פארגעסט פונעם גרויסן עיקר:

שוין לאנגע יארן וואס די מועצת גדולי התורה איז נישט אקטיוו אין קיין שום פינקציעס אדער פעולות פאר אידן אדער אידישקייט, געווענליך ווערט די ארגאניזאציע חוזר וניעור יעדע עטליכע יאר ווען עס ווערט פאררופן פרישע בחירות פארן כנסת המינים, דעמאלט הערט מען פלוצים פון די מועצת איבער דעם גרויסן חוב קדוש צו ראטעווען די בענקלעך און תקציבים. אבער אצינד שטעלט זיך ארויס אז די מועצת שפירט אויף פאר קריטיש וויכטיג צו ערשיינען מיט חרמות קעגן די רעפארמער, בעת עס ווערט נישט דערמאנט אפילו כהדין גרמיזא הבא באחרונה די גרויסע טומאה וואס פלאגט דאס אידישע פאלק די מדינה הטמאה און זייערע גזירות השמד,

עס שיינט אז די רעליגיעזע הנהגה האט דערמיט גענומען די מערכה קעגן די כמעט – פארגעסענע רעפארמער עס זאל זיי דינען ווי א כסות עינים אויף דעם התחברות און הערצה צו דעם אם לכל עון ולכל חטאת, די גרויסע קליפת הציונות. אנשטאט מקיים זיין דעם "אותו יצר הרע העבירו מלבבכם" זוכט מען אנדערע פראבלעמען וואס זאל גוט אפעלירן צום דעת הרחוב און נישט אפסטעמפלן די גדולים אלס עקסטרעם אדער קנאים חלילה. אזעלכע זינלאזע מערכות זענען ליידער א מיטל צו מאכן פארגעסן בזדון דעם עיקר יסודן של ישראל, די אמונה הצרופה אין די י"ג עקרים וואס ווערט אויסגעריסן דורך די מלכות המינות.

עס איז א בושה וחוכא ווען ביי אזא סארט זיצונג לייגט מען בעיקר דעם דגוש אויף "וואס נישט צו רעדן", נישט צו רעדן פון די מדינה הטמאה, נישט צו רעדן פון דעם רעיון הכפירה, און נישט צו רעדן פון דעם סכנות אין וואס די מדינה שטעלט אריין אידן. נאר מען זוכט זיך אויס צו רעדן פון א נושא וואס שטערט קיינעם נישט, א מערכה וואס איז אנגענומען ביי אלע קרייזן, און ווערט גוט אנטפאנגען אומעטום, מען לאזט זיך הערן מיט כרוזים וחרמות קעגן א האלב געשטארבענע באוועגונג, אזוי אז דער קול מחאה גיט צוריק א הילכיגן ווידערקול וואס געפעלט פאר אלעמען, ושלום על כולם.

עס וואלט טאקע געווען אינטערסאנט צו אנצייכענען אויף די ווערטער פון די מועצת גדולי התורה "אינם יכולים לייצג את המורשת היהודית המסורה לנו מדור לדור. וכל הירא והחרד לדבר ד', לא יתן חלילה ידו עמהם לשום צעד או מהלך" – דאס איז אייגנטליך פון די זעלטענע פעלער ווען מיר הערן פון די מועצת אז עס מען ברויך זיך אפטרייסלען און דערקלערן אז מפירי ברית פארטרעטן נישט דאס יהדות החרדית, און אז מען טאר זיי חלילה נישט העלפן מיט קיין שום טריט און מהלך. ס'איז הייסט יא פארהאן א מציאות ווען מען טאר זיך נישט מתחבר זיין מיט א צווייטן איד. מיט עוכרי ופושעי ישראל איז נישט דא קיין איסור התחברות, מיט א מדינה וואס יעדע רגע פון איר עקזיסטענץ איז עס כביכול מצער דעם בורא עולם איז נישט דא קיין פראבלעם פון זיין עצם מעצמיו, אבער יגעת ומצאת תאמין, די רעליגיעזע הנהגה האבן נאך לאנגע חקירות ודרישות, אנגעטראפען א זעלטענעם פאל פון איסור התחברות, כלפי די רעפארמער דייקא. אלזא זיי זענען אויך

קנאים, דער חילוק איז נאר וואו מען איז א קנאי. זייערע כינוסים, קול קורא'ס איז געצילט זיכער צו מאכען ביים המון אז דער פראבלעם פונעם דור, דער נסיון האחרון איז אלעס אויסער דעם רעיון הציוני, די שורש פורה ראש ולענה פון לקיחת הגאולה לפני הזמן.

דער אמת איז אבער אז אין אונזער דור עקבתא דמשיחא, איידער דעם גרויסן אור חדש על ציון תאיר וואס ווארט אפ אידן במהרה בימינו, האט זיך מתגבר געווען אויף דער וועלט דער גרעסטער חושך כפול ומכופל פון ציונות וואס איז איבערגעשטיגן אלע פריערדיגע טומאות ונסיונות ביי כלל ישראל. ווי דער באקאנטער מימרא פון הגאון רבי חיים מבריסק ז"ל: "אסאך טומאות זענען געווען אויף דער וועלט, כלל ישראל האט געליטן פון מערערע כתות וואס האבן געזוכט עוקר צו זיין די אמונה פון אידן, אבער דעם שטארקסטן קלאפ האט דאס ציונות געברענגט אויפן כלל ישראל, זיי האבן געוואוסט דעם פינטל וואו צו געבן דעם קלאפ". די מלכות המינות טוט ליידער פראקטיצירן מיט איר עצם קיום א ביטערע מרידה אין דעם מלך ישראל וגואלו, א בעיטה אין דעם גזירת הגלות, א הכחשה אין די בחירת ישראל בין העמים, און א כפירה אין די הבטחות התורה אויף די גאולה העתידה. דאס איז דער גרויסער טומאה כלליות וואס האט זיך משתלט געווען בפלטרין של מלך למרות עיני כבודו כביכול, ווי גרויס איז די תביעה ווען אנשטאט איז מען פארנומען מיט אנדערע פרצות בשעת מען איז זיך גענצליך מתעלם עין פון דעם גרויסן עיקר שבעקרים.

## שישנם כמה אנשים מהפשוטים וגם מהגדולים שאמונתם בה' כל זה באמונה פגומה:

די רעליגיעזע ציונים באשולדיגן די רעפארמער אז זיי האבן ארויסגענומען יעדן זכר פון ביאת המשיח פון זייער נוסח התפלה רח"ל. אין די זעלבע צייט וואס זיי גלייבן מיט'ן גאנצן געפיל אין דעם ציוני'סטישן אידעאל וואס רופט צו נעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט און נישט אויסווארטן אויף די ישועת השי"ת, און זענען א טייל אין א מדינה לפני הקץ וואס איז די ריכטיגע כפירה און הכחשה אין ביאת המשיח, פיל ארגער ווי די פאר'גוי'אישטע רעפארמער.

דברים כדרבונות שרייבט דער טעלזער ראש ישיבה הגאון הגאון רבי יוסף לייב בלאך זצ"ל אין זיין ספר שיעורי דעת (מאמר התגברות הדעת על הטבע דף מז- מח) אז אפילו די גדולים וועלכע זענען נוטה צום ציונות איז זייער אמונה בביאת המשיח וביכולת ה' פגום רח"ל. זיי גלייבן נישט אינערליך טיף אין הארץ אינעם כח ה' אז ער וועט נאך ברענגען א גאולה פאר'ן אידישן פאלק, און דעריבער ווען זיי געפינען סיי וועלכע וועג צו אויספירן די גאולה בפועל בדרך הטבע און אויף א פראקטישן וועג, לויפן זיי דערצו און נעמען דאס ארום מיט ביידע הענט, מיט'ן אויסרייד אז זיי זארגן זיך לטובת הכלל, און זיי שפירן זעלבסט נישט וואס איז דער כח וועלכע שטופט זיי צו דער ארבעט.

(אולם המאמין בה' ההולך בדרכם ונמשך אחרי רגשם אין זה כי אם בעבור שישנם כמה אנשים מהפשוטים וגם מהגדולים שאמונתם בה' היא רק בדרך חיוב על פי דין, מוצאים הם עצמם מחוייבים להאמין בה', כי הלא אסור שלא להאמין, ובעבור זה מאמינים הם בכח ה' ושעוד יביא גאולה לעם ישראל, אבל כל זה באמונה פגומה, חסרה להם המדה הראוי' והשלמה באמונה זאת, עוד נסוגים הם אחור בעמקי לבם פנימה מאמונת התגשמות הדבר הזה שהם מאמינים בו מפני העכובים הגדולים והמכשולים הקשים הנראים לעיניהם קצרי הראות, ולכן כשהם מוצאים איזה דרך להוציא הגאולה לפועל בדרך טבע ובאופן מעשי, אף אם בדרך רחוקה מאד, ירוצו אלי' ויחבקוה בשתי ידים, כי בה הם מוצאים שלמות אמונתם וזה משלים תשוקת נפשם המורגשת בקרבם לקרב אל לבם ולרגש טבעם את האמונה שהם חייבים בה, ובכל כחם מתאמצים הם בזה באמתלא שהם דואגים לטובת הכלל, ואינם מרגישים בעצמם את הכח הדוחף אותם לעבודתם. (שיעורי דעת מאמר התגברות הדעת על הטבע דף מז-מח).

ענליך שרייבט רביה"ק מסאטמאר זי"ע אין ספה"ק דברי יואל פרשת ויקרא עמוד נ"ט, פארוואס דער רמב"ם רעכנט אויס די אמונה בביאת המשיח צווישן די י"ג עקרים, ווייל די אמונה בביאת המשיח איז א יסוד מוצק פאר קיום התורה והמצות, און ווער עס גלייבט נישט געהעריג דעם עיקר, קען גרינג נאכגעשלעפט ווערן נאך די גאולות של שקר און זיך אפקערן פון דעם דרך התורה והמצות. און ווי מען זעהט בחוש אין אונזער צייט, אז די אלע וואס גייען נאך די גאולות של שקר שטאמט אלעס פון א שורש כפירה אין דעם עצם ביאת המשיח, דוק ותשכח. און עס איז נישט קיין ספק אז אויב וואלט מען געווען מקושר באמת מיט אן אמונה בביאת המשיח וואלט מען אנטלאפן און זיך דערווייטערט פון די וועגן כמטחוי קשת.

די רעליגיעזע פארטייען וואס רוממות הארטאדאקסיע בגרונם אבער סימפאטיזירן מיט יעדע מלחמה און סטראטעגיע פון די מדינה פירער זאלן זיך גוט באזינען אז זייער אמונה בביאת המשיח איז ליידער אויך זייער נישט בשלימות, אויב ווילן זיי טאקע פארזעצן דעם דרך פון די ארטאדאקסיע זאלן זיי זיך צוריק קערן צו די ריינע אמונה בביאת המשיח, וואס די רעפארמער האבן געזוכט אויסצורייסן. זאלן זיי ממאס זיין די טבעות'דיגע גאולות של שקר וואס איז א סתירה צו די אמונה בביאת הגואל, און זאלן זיי אנשטאט קעמפן קעגן גע'פגר'טע עבודה זרה'ס אויסרייסן דעם שורש פורה ראש ולענה וואס בוזשעוועט אין אידישע הערצער. לו חכמה ישכילו זאת. ■